FF-4 (Y) 01/19/2026 (page 1 of 20)
(E) 01/13/2026 LLF

# אפט געפרעגטע פראגעס
## (Yiddish)

1. וואס איז Fair Fares NYC (FFNYC)? 4
2. טוט FFNYC זיך טוישן פון מעטרא-קארטל צו אן איין מעטרא ניו יארק (OMNY)? 4
3. דארף איך טוישן מיין FFNYC מעטרא-קארטל צו OMNY? 4
4. קען איך אריבערפירן געלט פון מיין FFM צו מיין FFNYC OMNY קארטל (FFOC)? 5
5. וויאזוי ארבעט די FFNYC דיסקאונט? 5
6. ווער איז בארעכטיגט צו אנטיילנעמען? 6
7. איך נעם יעצט אנטייל אין די MTA רעדוצירטע-רייזע-פרייז פראגראם. בין איך בארעכטיגט פאר די FFNYC דיסקאונט? 6
8. טוט מיין אימיגראציע סטאטוס אפעקטירן מיין מעגליכקייט צו אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC? 6
9. וויאזוי קען איך זיך איינגעבן פאר א FFNYC דיסקאונט? 7
10. וויאזוי קען איך וויסן אויב מיין אפליקאציע איז באשטעטיגט? 7
11. פאר ווי לאנג קען איך אנטיילנעמען אין די FFNYC פראגראם איינמאל איך ווער באשטעטיגט? 7
12. ווען וועל איך באקומען מיין FFNYC דיסקאונט? 8
13. איך בין געווארן באשטעטיגט פאר FFNYC, אבער איך האב נישט באקומען אן OMNY קארטל אויף פאסט. וואס זאל איך טון? 8
14. איך האב פראבלעמען מיט די nyc.gov/accessfairfares וועבזייטל. וויאזוי קען איך באקומען הילף? 8
15. איך דארף הילף מיט אויספולן די FFNYC אפליקאציע. ווער קען מיר העלפן? 8
16. איך באקום מיין פאסט ביי אן אלגעמיינע פאסט אפיס (P.O.) קעסטל. וויאזוי קען איך באקומען מיין Fair Fares OMNY קארטל? 9
17. וויאזוי קען איך אפדעיט'ען מיין פאסט אדרעס? 9
18. מיין Fair Fares אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן. וויאזוי קען איך באקומען מער אינפארמאציע? 9
19. וועלכע דאקומענטן וועל איך דארפן צו באשטעטיגן מיין עלטער, מיין וואוינונג אין NYC און מיין איינקונפט? 9
20. וויאזוי געב איך אריין דאקומענטן פאר מיין אפליקאציע? 9
21. איך האב פראבירט אריינצושיקן מיינע דאקומענטן, אבער עס האט נישט געארבעט. וויאזוי קען איך באקומען הילף? 10
22. וויאזוי קען איך וויסן אויב איר האט באקומען מיינע דאקומענטן? 10
23. איז דא א דעדליין אויף אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן? 10

24. וואס פאסירט אויב איך געב נישט אריין מיינע דאקומענטן באצייטנס? 10
25. זאל איך עפענען אן OMNY אקאונט? 11
26. וואו קען איך טרעפן מיין FFOC סעריעל נומער? 11
27. וואס איז די OMNY טראנזיט אקאונט נומער און וואו קען איך דאס טרעפן? 12
28. קען מיין פאמיליע מיטגליד אדער פריינד נוצן מיין FFOC, דעביט אדער קרעדיט קארטל, אדער סעלפאן מיט די דיסקאונט? 12
29. קען איך נוצן מיין Fair Fares דיסקאונט אויף אלע NYC פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען? 13
30. וויאזוי לייג איך צו געלט צו מיין FFOC? 13
31. וואס איז פרייז גרעניצונג מיט מיין FFOC? 13
32. וואס זאל איך טון אויב מען רעכנט מיר דעם פולן פרייז אנשטאט די רעדוצירטע רייזע-פרייז? 14
33. ווען זאל איך רופן אויב איך האב א פראגע וועגן א באצאלונג אויף מיין OMNY קארטל? (אויסער וועגן געגומען ווערן די פולע רייזע-פרייז) 14
34. קען איך נוצן מיין אייגענע קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער סעלפאן מיט מיין FF דיסקאונט? 14
35. קען איך נוצן צוויי אנדערע קרעדיט קארטלעך אדער סעלפאן מיט מיין FF דיסקאונט? 14
36. קען איך נוצן מערערע רייזע קארטלעך אינעם זעלבן צייט? 15
37. ווען זאל איך רופן אויב מיין קרעדיט אדער דעביט קארטל ארבעט נישט? 15
38. וועט מיין אינפארמאציע בלייבן פריוואט? 15
39. איך האב באקומען א מעלדונג אז מיין איינשרייבונג ענדיגט זיך ווייל איך בין מער נישט בארעכטיגט. איך האלט אז עס איז געווען א גרייז. מיט וועמען קען איך רעדן? 15
40. וויפיל צייט האב איך צו בעטן פאר אן איבערזיכט פון מיין בארעכטיגקייט באשטימונג? 15
41. וואס פאסירט אויב איך באקום א מעלדונג אז מיין FFNYC דיסקאונט וועט זיך ענדיגן צוליב אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט? 16
42. וואס זאל איך טון אויב איך באקום א ווארענונג איבער א נידריגע באלאנס? 16
43. וויפיל מאל קען איך ערזעצן מיין פארלוירענע אדער גע'גנב'טע FFOC? 16
44. וואס זאל איך טון אויב מיין FFOC ווערט פארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט? 16
45. וואס זאל איך טון אויב איך האב פארלוירן מיין קרעדיט קארטל, דעביט קארטל אדער סעלפאן מיט די דיסקאונט? 17
46. וויאזוי פיר איך אריבער מיין געלט פון מיין פארלוירענע, גע'גנב'עטע, געשעדיגטע, אפגעלאפענע אדער אויסלויפנדע OMNY קארטל צו מיין נייע OMNY קארטל? 17
47. ווי אפט דארף איך באנייען מיין FFNYC איינשרייבונג? 17
48. וויאזוי קען איך באנייען מיין FFNYC איינשרייבונג? 18
49. וועל איך ווערן געמאלדן ווען איך דארף באנייען? 18
50. איז דא א דעדליין פאר באנייען? 18
51. וואס פאסירט אויב איך פארפאס די דעדליין צו באנייען? 18
52. וויאזוי ווייס איך אויב איך בין נאך אלס בארעכטיגט פאר FFNYC? 18
53. וואס איז אויב מיין נייע אדרעס איז נישט אין ניו יארק סיטי? 18

**54. וועלכע דאקומענטן דארף איך ארייננעבן מיט מיין באנייאונג אפליקאציע?** ...................................... 19
**55. וועל איך באקומען א נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל ווען איך באניי?** .................................. 19
**56. וועל איך קענען ווייטער נוצן מיין יעצטיגע FFNYC דיסקאונט איינמאל מיין באנייאונג אפליקאציע ווערט באשטעטיגט?** ........................................................................................................ 19
**57. וויאזוי קען איך וויסן ווען מיין FFNYC OMNY קארטל לויפט אפ?** .................................................. 19
**58. וואס פאסירט אויב מיין FFOC לויפט אפ אין ווייניגער ווי 30 טעג?** ................................................ 19
**59. וואס פאסירט אויב מיין דעביט אדער קרעדיט קארטל מיט די דיסקאונט לויפט אפ?** ........................ 20
**60. קען איך נוצן אן אפגעלאפענע FFOC ווען עס איז נאך דא געלט אויף דעם?** .................................... 20

## וועגן די פראגראם

### 1. וואס איז Fair Fares NYC (FFNYC)?

Fair Fares NYC איז א סיטי פראגראם וואס העלפט ניו יארקער מיט נידריגע איינקונפטן צו אויפהאלטן זייערע טראנספארטאציע קאסטן. דורך FFNYC, באקומען בארעכטיגטע ניו יארק סיטי איינוואוינער א 50% דיסקאונט אויף די סאבוועי און בארעכטיגטע באס רייזעס, אדער 50% אראפ פון Access-A-Ride (AAR) פאראטראנזיט רייזעס.

צוריק צום אנפאנג

### 2. טוט FFNYC זיך טוישן פון מעטרא-קארטל צו אן איין מעטרא ניו יארק (OMNY)?

FFNYC געבט מער נישט ארויס Fair Fares מעטרא קארטלעך ( Fair Fares MetroCard, FFM's). אויב איר האט א FFM, קענט איר דאס נוצן ביז איינע פון די פאלגענדע פאסירט (וועלכע פאסירט ערשט):

1) די קארטל לויפט אפ (די אפלויף דאטום איז אויף די אונטערשטע זייט פונעם קארטל);
2) די קארטל ארבעט מער נישט;
3) די קארטל ווערט אפגעשטעלט; אדער
4) איר זענט מער נישט איינגעשריבן אין די Fair Fares פראגראם.

איר וועט אריבערגיין צו OMNY אין איינע פון די פאלגנדע וועגן:

1. ווען איר באנייט אייער איינשרייבונג אינעם פראגראם.
2. אויב איר באריכט אז אייער מעטרא קארטל איז געווארן פארלוירן, גע'גנב'עט, אדער געשעדיגט.
3. איר קענט טוישן פון מעטרא-קארטל צו OMNY סיי ווען אויף ACCESS HRA.

ווען איר טוישט, קענט איר אויסוועלן אן OMNY קארטל, אדער קענט איר נוצן אייער אייגענע קרעדיט קארטל אדער דעביט קארטל אדער דיגיטאלישע בערזל.

צוריק צום אנפאנג

### 3. דארף איך טוישן מיין FFNYC מעטרא-קארטל צו OMNY?

יא. OMNY איז די נייע רייזע באצאלונג מיטל און וועט ערזעצן מעטרא-קארטל. איר וועט דארפן נוצן OMNY צו רייזן אויף NYC טראנזיט סאבוועיס און לאקאלע, באגרעניצטע און אויסגעוועלטע באס סערוויס (SBS) באסעס, Staten Island Railway, די Roosevelt Island Tram און Hudson Rail Link באס סערוויס.

צוריק צום אנפאנג

### 4. קען איך אריבערפירן געלט פון מיין FFM צו מיין FFNYC OMNY קארטל (FFOC)?

איר קענט נישט אריבערפירן געלט פון אייער FFM צו אייער FFOC. פונדעסטוועגן, וועט אלע געלט אויף אייער FFM בלייבן גרייט פאר אייך און קען גענוצט ווערן צו רייזן אויף סאבוועיס און לאקאלע, באגרעניצטע און אויסגעוועלטע באס סערוויס (SBS) באסעס, די Staten Island Railway, די Roosevelt Island Tram און Hudson Rail Link באס סערוויס.

איר דארפט נוצן די פארבליבענע סומע אויף אייער FFM איידער עס לויפט אפ אדער ווערט אפגערופן. איר זאלט איינפאך נוצן אייער FFM דאס זעלבע וועג וואס איר נוצט עס היינט. איר קענט נישט אריבערפירן סיי וועלכע פארבליבענע באלאנס פון א גאנצע-פעיר מעטרא קארטל אדער א גאנצע-פעיר OMNY קארטל צו א FFM אדער FFOC.

[צוריק צום אנפאנג]

### 5. וויאזוי ארבעט די FFNYC דיסקאונט?

FFNYC געבט אייך א 50% דיסקאונט אויף סאבוועי, בארעכטיגטע באסעס אדער Access-A-Ride רייזע-פרייזן.

- **<u>סאבוועיס און באסעס</u>**

  מיט אייער FFNYC דיסקאונט, וועט איר קענען פארן אויפ'ן סאבוועי און בארעכטיגטע באסעס פאר האלב-פרייז!

  אויב איר געבט זיך איין און זענט בארעכטיגט פאר FFNYC און איר וועלט אויס די סאבוועי און באס דיסקאונט, וועט די סיטי צולייגן אייער דיסקאונט צו א FFOC, אדער א קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער סמארטפאון וואס איר וועלט אויס. די FFOC וועט נישט האבן קיין געלט אויף עס. איר קענט נישט נוצן אייער FFOC צו באצאלן די רייזע-פרייז ביז איר לייגט ארויף געלט אויף עס.

  פאלגנד זענען עטליכע וועגן וויאזוי איר קענט צולייגן געלט צו אייער FFOC:

  1. אין א סאבוועי סטאנציע נוצנדיג אן OMNY ווענדינג מאשין (טאפט אייער קארטל אויף די סקרין צו אנפאנגען);
  2. א געשעפט, אפטייק אדער טשעק קעשינג לאקאציע אין אייער געגנט (באזוכט omny.info/retail צו טרעפן איינס נעבן אייך);
  3. אנליין אדער דורכ'ן טעלעפאן מיט אן OMNY אקאונט. עפנט אן אומזיסטע אקאונט אויף omny.info/register אדער רופט 877-789-6669.

  טאפט אייער OMNY קארטל, קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער סעלפאן אויף די OMNY מאשין אויפ'ן באס אדער סאבוועי און עס וועט אראפרעכענען האלב פון די יעצטיגע רייזע-פרייז. יעדע מאל וואס איר טאפט אייער קארטל, וועט איר נאר ווערן גערעכנט האלב פון די יעצטיגע פרייז פאר א איינצעלנע רייזע.

- **<u>Access-A-Ride (AAR)</u>**

  AAR קונדן נוצן נישט א FFOC. זייער דיסקאונט ווערט אראפגערעכנט אויטאמאטיש! AAR קארטלעך ווערן ארויסגעשיקט דורך די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA). אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס וועגן AAR, באזוכט די <u>וועבזייטל</u> אדער רופט 877-337-2017.

[צוריק צום אנפאנג]

## <u>בארעכטיגקייט</u>

### 6. ווער איז בארעכטיגט צו אנטיילנעמען?

ניו יארק סיטי (NYC) איינוואוינער קענען זיין בארעכטיגט פאר FFNYC אויב זיי:

1. זענען צווישן 18 און 64 יאר אלט.
2. זענען אין א הויזגעזינד וואס קומט נאך די איינקונפט פארשריפטן פאר די FFNYC פראגראם.
3. באקומען נישט די גאנצע געלט פארן קאר פון די דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס\יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (DSS/HRA) אדער סיי וועלכע אנדערע NYC אגענטור; און,
4. ביים אויסוועלן די FFNYC סאבוועי און באס דיסקאונט, טוען זיי נישט יעצט אנטיילנעמען אדער זיין בארעכטיגט אנטיילצונעמען אין סיי וועלכע אנדערע טראנספארטאציע דיסקאונט פראגראם.

צוריק צום אנפאנג

### 7. איך נעם יעצט אנטייל אין די MTA רעדוצירטע-רייזע-פרייז פראגראם. בין איך בארעכטיגט פאר די FFNYC דיסקאונט?

ניין. איר זענט נישט בארעכטיגט פאר די FFNYC סאבוועי און באס דיסקאונט אויב איר נעמט יעצט אנטייל אדער זענט בארעכטיגט אנטיילצונעמען אין די MTA רעדוצירטע-רייזע-פרייז פראגראם. אויב איר זענט א קונד פון Access-A-Ride, קענט איר בעטן אז מען זאל ארויפלייגן אייער FFNYC דיסקאונט אויף די AAR רייזע-פרייז.

איר קענט אויך לערנען מער איבער די פראגראמען אויף <u>https://mta.info/reduced-fare</u>.

צוריק צום אנפאנג

### 8. טוט מיין אימיגראציע סטאטוס אפעקטירן מיין מעגליכקייט צו אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC?

ניין. Fair Fares NYC פרעגט נישט איבער אייער סטאטוס און פארשרייבט נישט קיין אינפארמאציע וועגן אייער אימיגראציע סטאטוס.

צוריק צום אנפאנג

## זיך איינגעבן און באקומען אייער Fair Fares NYC דיסקאונט

### 9. וויאזוי קען איך זיך איינגעבן פאר א FFNYC דיסקאונט?

אלע NYC איינוואוינער קענען זיך איינגעבן פאר א FFNYC דיסקאונט. באזוכט nyc.gov/accessfairfares צו לערנען מער און זיך איינגעבן.

איר וועט מעגליך ווערן געבעטן צו צושטעלן פערזענליכע אינפארמאציע וועגן אייער:

- אידענטיטעט;
- וואוינארט; און
- איינקונפט

איר וועט מעגליך ווערן געבעטן ארייינצושיקן שטיצע דאקומענטן. ביטע באזוכט nyc.gov/fairfares צו זען די Fair Fares NYC פארגעשלאגענע דאקומענט ליסטע.

צוריק צום אנפאנג

### 10. וויאזוי קען איך וויסן אויב מיין אפליקאציע איז באשטעטיגט?

איינמאל איר געבט אריין אייער אפליקאציע און אפלאוד'ט אלע פארלאנגטע דאקומענטן, ביטע געבט אונז ביז 30 טעג צו איבערקוקן אייער אפליקאציע. איר קענט ארייין'לאג'ן צו אייער nyc.gov/accessfairfares אקאונט צו נאכקוקן די סטאטוס פון אייער אפליקאציע. איינמאל מיר קוקן איבער אייער אפליקאציע, וועט איר באקומען מעלדונג דערפון אויף פאסט.

צוריק צום אנפאנג

### 11. פאר ווי לאנג קען איך אנטיילנעמען אין די FFNYC פראגראם איינמאל איך ווער באשטעטיגט?

איר וועט ווערן איינגעשריבן פאר איין יאר פונעם דאטום וואס אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, אויב איר קומט וויטער נאך די פארשריפטן פאר בארעכטיגקייט.

צוריק צום אנפאנג

## 12. ווען וועל איך באקומען מיין FFNYC דיסקאונט?

**Fair Fares OMNY קארטל**: איינמאל אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, ביטע געבט אונז 2 ביז 3 וואכן צו באקומען אייער FFOC אויף פאסט דורך די אמעריקאנער פאסט סערוויס (USPS).

**אייער אייגענע דעביט אדער קרעדיט קארטל אדער OMNY קארטל**: די דיסקאונט וועט ווערן ארויפגעלייגט גלייך ווען אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט. די Fare Fares פראגראם וועט אייך לאזן וויסן איינמאל די דיסקאונט איז אין קראפט. אויב איר לייגט צו די קארטל צו אייער אקאונט, וועט איר אויך קענען זען די דיסקאונט אויף אייער OMNY אקאונט פראפיל. די דיסקאונט דארף אריינצוגיין אין קראפט ביז 24 שעה.

**Access-A-Ride**: אויב איר האט אויסגעוועלט די AAR דיסקאונט, וועט איר נישט באקומען אן OMNY קארטל פון Fare Fares. אנשטאט דעם, וועט איר באקומען אייער AAR OMNY ID פון די MTA.

צוריק צום אנפאנג

## 13. איך בין געווארן באשטעטיגט פאר FFNYC, אבער איך האב נישט באקומען אן OMNY קארטל אויף פאסט. וואס זאל איך טון?

אויב איז שוין אריבער מער ווי 3 וואכן זייט איר זענט געווארן באשטעטיגט און איר האט נישט באקומען אייער FFOC, ביטע רופט 311 אדער באריכט אייער קארטל אלץ "פארלוירן אויף פאסט" אויף Access HRA.

צוריק צום אנפאנג

## 14. איך האב פראבלעמען מיט די nyc.gov/accessfairfares וועבזייטל. וויאזוי קען איך באקומען הילף?

אויב האט איר טעכנישע פראבלעמען מיט nyc.gov/accessfairfares, ביטע באזוכט די ACCESS HRA הילף פעידש פאר די ענטפערס צו פראבלעמען וואס מאכן זיך אפט אדער רופט 311 פאר הילף.

צוריק צום אנפאנג

## 15. איך דארף הילף מיט אויספולן די FFNYC אפליקאציע. ווער קען מיר העלפן?

באזוכט איינע פון די Fair Fares NYC לאקאציעס און די FFNYC שטאב וועט אייך העלפן מיט אייער אפליקאציע. באזוכט www.nyc.gov/fairfares און קליקט אויף ‘Contact Us’ פאר א ליסטע פון Fair Fares NYC לאקאציעס. איר קענט אויך רופן 311 פאר מער אינפארמאציע.

צוריק צום אנפאנג

**16. איך באקום מיין פאסט ביי אן אלגעמיינע פאסט אפיס (P.O.) קעסטל. וויאזוי קען איך באקומען מיין Fair Fares OMNY קארטל?**

אויב אייער אפליקאציע אדער באנייאונג איז באשטעטיגט און איר נוצט א P.O. קעסטל אינערהאלב די פינף באראוס פון NYC פאר פאסט, וועלן מיר שיקן אייער FFOC צו אייער אלגעמיינע P.O. קעסטל אינערהאלב די פינף באראוס פון NYC.

צוריק צום אנפאנג

**17. וויאזוי קען איך אפדעיט'ען מיין פאסט אדרעס?**

ביטע באזוכט nyc.gov/accessfairfares צו אפדעיט'ן אייער פאסט אדרעס אין אייער פראפיל.

צוריק צום אנפאנג

**18. מיין Fair Fares אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן. וויאזוי קען איך באקומען מער אינפארמאציע?**

אייער אפליקאציע קען ווערן אפגעזאגט אויב איר קומט נישט נאך די פראגראם בארעכטיגקייט פאדערונגען. איר קענט באזוכן www.nyc.gov/accessfairfares צו זען די סיבה פארוואס אייער אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן די מעלדונג וואס איר האט באקומען ערקלערט פארוואס איר זענט נישט בארעכטיגט פאר FFNYC. אויב האלט איר אז מיר האבן געמאכט א גרייז, ביטע באזוכט די https://www.nyc.gov/site/fairfares/contact-us/contact-us.page פאר אן אפיס לאקאציע, אדער רופט 311 צו בעטן אן איבערזיכט פון אייער אפליקאציע.

צוריק צום אנפאנג

**וויאזוי ארייינצוגעבן אפליקאציע דאקומענטן און אנדערע פארבינדענע פראגעס**

**19. וועלכע דאקומענטן וועל איך דארפן צו באשטעטיגן מיין עלטער, מיין וואוינונג אין NYC און מיין איינקונפט?**

ביטע קוקט איבער די Fair Fares NYC פארגעשלאגענע דאקומענט ליסטע.

צוריק צום אנפאנג

**20. וויאזוי געב איך אריין דאקומענטן פאר מיין אפליקאציע?**

נוצט די ACCESS HRA מאבייל עפפ צו אפלאוד'ן דאקומענטן פאר FFNYC. גייט צו nyc.gov/ffdocs צו דאונלאוד'ן די ACCESS HRA עפפ, ארייינ'לאג'ן צו אייער אקאונט און ארייינשיקן אייערע דאקומענטן. אויב איר קענט נישט נוצן די מאבייל עפפ, קענט איר קומען צו א FFNYC אפיס לאקאציע און באקומען הילף מיט אפלאוד'ן אייערע דאקומענטן.

צוריק צום אנפאנג

**21. איך האב פראבירט אריינצושיקן מיינע דאקומענטן, אבער עס האט נישט געארבעט. וויאזוי קען איך באקומען הילף?**

פראבירט צו ארויס'לאג'ן פון אייער אקאונט און דאן צוריק ארײַנ'לאג'ן. עס קען נעמען ביז 15 מינוט פאר די דאקומענטן צו ערשיינען. אויב האט איר נאכאלץ פראבלעמען, קענט איר קומען צו א Fair Fares NYC אפיס צו באקומען הילף מיט אפלאוד'ן אייערע דאקומענטן.

צוריק צום אנפאנג

**22. וויאזוי קען איך וויסן אויב איר האט באקומען מיינע דאקומענטן?**

Fair Fares וועט אייך שיקן א טעקסט מעסעדזש אויב אייער אפליקאציע איז נישט אויסגעפולט. איר קענט אויך צוריק אריינ'לאג'ן אין אייער אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares צו קוקן וועלכע דאקומענטן דארפן נאך ווערן אריינגעגעבן און ביז ווען זיי מוזן ווערן אריינגעשיקט.

צוריק צום אנפאנג

**23. איז דא א דעדליין אויף אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן?**

איר האט 10 טעג אריינצושיקן אייערע דאקומענטן נאך וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע. לאג'ט אריין צו אייער אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares צו נאכקוקן די סטאטוס פון אייער אפליקאציע און זען וויפיל צייט איר האט נאך אריינצושיקן אייער דאקומענטן.

צוריק צום אנפאנג

**24. וואס פאסירט אויב איך געב נישט אריין מיינע דאקומענטן באצייטנס?**

אויב מיר באקומען נישט אייערע דאקומענטן באצייטנס, וועט איר דארפן אריינגעבן א נייע אפליקאציע.

צוריק צום אנפאנג

## נוצן אייער Fair Fares NYC דיסקאונט

### 25. זאל איך עפענען אן OMNY אקאונט?

יא. עס איז נישט געפאדערט צו עפענען אן OMNY אקאונט אבער עס איז שטארק רעקאמענדירט. אן OMNY אקאונט איז פארזיכערט און געבט אייך עטליכע בענעפיטן:

- נאכפאלגן אייער פארשריט צו דערגרייכן אומזיסטע רייזעס מיט די 7-טעג רייזע-קאסטן באגרעניצונג
- אנפילן אייער קארטל
- אנשטעלן אז אייער קארטל ווערט אויטאמאטיש צוריק אנגעפולט אז איר זאלט זיך קיינמאל נישט דארפן זארגן וועגן א נידריגע באלאנס
- אויסוועלן די מיטל פון באצאלן
- באקומען אקאונט מעלדונגען
- זאפארט סוספענדירן אייער קארטל אויב עס ווערט פארלוירן אדער גע'גנב'עט
- און נאך!

זיך איינצושרייבן פאר אן OMNY אקאונט, ביטע גייט צו https://omny.info/register. אויב איר דארף הילף צו עפענען אן OMNY אקאונט, ביטע קוקט דעם YouTube ווידיא וועגווייזער.

אויב איר דארפט הילף מיט זיך איינשרייבן פאר אן OMNY אקאונט, פארבונדט זיך מיט OMNY קאסטומער סערוויס דורך רופן 877-789-6669.

צוריק צום אנפאנג

### 26. וואו קען איך טרעפן מיין FFOC סעריעל נומער?

אייער FFOC סעריעל נומער איז די 18-ציפערן נומער אויף די פארקערטע זייט פון אייער OMNY קארטל. איר זאלט האלטן א רעקארד פון דעם נומער.

צוריק צום אנפאנג

## 27. וואס איז די OMNY טראנזיט אקאונט נומער און וואו קען איך דאס טרעפן?

אייער OMNY טראנזיט אקאונט נומער איז פארבינדן צו אלעס וואס ווערט געטון אויף אייער OMNY אקאונט. OMNY קאסטומער סערוויס קען אייך בעטן פאר דעם נומער אויב איר פארבינדט זיך מיט זיי פאר הילף.

**עס זענען דא פיר וויאזוי איר קענט טרעפן אייער טראנזיט אקאונט נומער:**

1. דורך אריינ'לאג'ן צו אייער Access HRA אקאונט.
2. דורך זיך איינשרייבן פאר אן OMNY אקאונט אויף omny.info/register און צולייגן אייער FFOC אדער דעביט אדער קרעדיט קארטל.
3. דורך רופן 311.
4. טראנזיט אקאונט זוכעניש מיטל אויף Access HRA - מעגליך ווען מען נעמט שריט אויף א קעיס.
   a. **וואס איז דאס מיטל?** - דאס איז א פארזיכערטע און באשיצטע וועג צו זוכן אייער טראנזיט אקאונט נומער.
   b. **איז עס פארזיכערט פאר מיר צו אריינלייגן מיין קרעדיט קארטל אינפארמאציע אין דעם מיטל?** - יא. דאס איז א באשיצטע וועבזייטל.
   c. **וואס זאל איך טון אויב איך באקום א מעסעדזש איבער א פראבלעם?** - אויב איר באקומט א מעסעדזש איבער א פראבלעם, זאלט איר פארמאכן דעם פענסטער און פראבירן נאכאמאל.

צוריק צום אנפאנג

## 28. קען מיין פאמיליע מיטגליד אדער פריינד נוצן מיין FFOC, דעביט אדער קרעדיט קארטל, אדער סעלפאן מיט די דיסקאונט?

ניין. אייער FFNYC דיסקאונט איז בלויז פאר אייער פערזענליכע באנוץ. איר טארט נישט מיטטיילן אדער פארבארגן אייער FFOC מיט פאמיליע מיטגלידער, פריינד אדער אנדערע. איר טארט אויך נישט מיטטיילן אדער פארבארגן א דעביט קארטל, קרעדיט קארטל אדער סעלפאן וואס האט די דיסקאונט דערויף. איר קענט נישט פארקויפן אייער קארטל אדער רייזע באצאלונגען מיט'ן קארטל פאר קיינעם. פארלעצן דעם געזעץ ווערט גערעכנט אלץ קארטל אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליך און וועט פאראורזאכן אין א 60-טעג סוספענדירונג פון אייער FFOC. אויב איר פארלעצט נאכאמאל די געזעץ, וועט איר אויף אייביג ווערן ארויסגעשטעלט פונעם Fair Fares NYC פראגראם.

צוריק צום אנפאנג

**29. קען איך נוצן מיין Fair Fares דיסקאונט אויף אלע NYC פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען?**

איר קענט נוצן אייער Fair Fares דיסקאונט אויף:

1. ניו יארק סיטי סאבוועיס און בארעכטיגטע באסעס,
2. Staten Island Railway,
3. Roosevelt Island Tram, און
4. Hudson Rail Link.

ווען מען וועט צולייגן די OMNY צו די (WBL) Westchester Bee-Line און Nassau Inter-County Express (NICE) באסעס, וועט איר קענען נוצן אייער FFNYC דיסקאונט אויף די סערוויסעס.

איר <u>**קענט נישט**</u> נוצן אייער Fair Fares דיסקאונט אדער OMNY אויף די פאלגנדע:

1. MetroNorth Railroad
2. Long Island Rail Road
3. Port Authority Trans-Hudson (PATH)

אייער קארטל אדער דעוואיס וועט ארבעטן אויף MTA עקספרעס באסעס און AirTrain JFK, אבער מען וועט נעמען די **פולע פרייז** פאר יענע סערוויסעס.

[צוריק צום אנפאנג]

**30. וויאזוי לייג איך צו געלט צו מיין FFOC?**

פאלגענד איז וויאזוי איר קענט צולייגן געלט צו אייער FFOC ווען איר באקומט עס:

- ביי א OMNY קארטל ווענדינג מאשין פלאצירט אין NYC טראנזיט סאבוועי סטאנציעס;
- ביי אנטיילנעמענדע ריטעיל געשעפטן לענגאויס די סיטי. צו טרעפן די ריטעיל געשעפטן, ביטע באזוכט https://omny.info/retail-locations;
- דורך רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף 877-789-6669; אדער
- אנליין דורך אייער רעגיסטרירטע OMNY אקאונט (omny.info/register). איר קענט אויך אנשטעלן אז עס זאל זיך אויטאמאטיש צוריק אנפולן דורך א OMNY אקאונט, אז איר זאלט זיך קיינמאל נישט דארפן נאכמאל זארגן וועגן א נידריגע באלאנס.

[צוריק צום אנפאנג]

**31. וואס איז פרייז גרעניצונג מיט מיין FFOC?**

אויב איר נעמט 12 באצאלטע רייזעס אין א 7-טעג נאכאנאנד צייט אפשניט נוצנדיג די זעלבע FFOC, דאן וועלן די איבעריגע רייזעס פון די זעלבע וואך אויטאמאטיש זיין אומזיסט. איר דארפט נוצן אייער FFOC פאר יעדע איינציגסטע באצאלטע רייזע. איר דארפט אויך נוצן אייער קארטל ביי א טראנספער, אבער וויבאלד טראנספערס זענען אומזיסט, ווערט עס נישט גערעכנט אלץ טייל פון די 12 באצאלטע רייזעס. פאר מער אינפארמאציע איבער פרייז גרעניצונג, ביטע גייט צו https://omny.info/fares.

[צוריק צום אנפאנג]

**32. וואס זאל איך טון אויב מען רעכנט מיר דעם פולן פרייז אנשטאט די רעדוצירטע רייזע-פרייז?**

אויב איר האלט אז מען האט אייך גערעכנט דעם פולן רייזע-פרייז, זאלט איר איבערקוקן אייער OMNY פראפיל דורך ארויפגיין אויף OMNY אויף https://omny.info/register. אייער רייזנדער קלאס זאל שטיין אלץ "Fair Fares" און איר וועט קענען זען די רייזעס וועלכע איר האט גענומען און באצאלט פאר. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף 877-789-6669 עס צו באשטעטיגן. אויב האט איר נישט דעם רייזנדער קלאס, זאלט איר רופן 311. אויב האט איר יא דעם רייזנדער קלאס, זאלט איר זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס.

צוריק צום אנפאנג

**33. ווען זאל איך רופן אויב איך האב א פראגע וועגן א באצאלונג אויף מיין OMNY קארטל? (איסער וועגן גענומען ווערן די פולע רייזע-פרייז)**

פארבינדט זיך מיט OMNY קאסטומער סערוויס דורך רופן 877-789-6669.

צוריק צום אנפאנג

## נוצן אייער קרעדיט קארטל אדער דעביט קארטל אדער סעלפאן

**34. קען איך נוצן מיין אייגענע קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער סעלפאן מיט מיין FF דיסקאונט?**

יא. איר קענט נוצן אייער אייגענע קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער סעלפאן מיט מיין FF דיסקאונט. דאס צו טון, זאלט איר אריינ'לאג'ן צו AHRA (ACCESS HRA) און אויסוועלן "Change Discount Selection" (טוישן דיסקאונט אויסוואל). דערנאך שרייבט אריין אייער קרעדיט אדער דעביט קארטל נומער אין די מיטל אנליין. איינמאל איר טוט דאס, וועט די דיסקאונט ווערן ארויפגעלייגט אויף אייער קרעדיט אדער דעביט קארטל'ס טראנזיט אקאונט. קוקט איבער AHRA פאר אייער דסיקאונט סטאטוס אויף nyc.gov/accessfairfares.

די נעקסטע מאל וואס איר פארט, זאלט איר טאפן די קרעדיט אדער דעביט קארטל אדער די מאבייל בערזל פארבינדן מיט יענע קארטל. איר קענט נוצן די דיסקאונט אדער אויף די פיזישע קארטל אדער אויף אייער סעלפאן, אבער נישט ביידע. די ערשטע באצאלונג מיטל וואס איר וועלט אויס צו טאפן וועט האבן די דיסקאונט.

צוריק צום אנפאנג

**35. קען איך נוצן צוויי אנדערע קרעדיט קארטלעך אדער סעלפאן מיט מיין FF דיסקאונט?**

ניין. איר קענט נישט נוצן צוויי אנדערע קארטלעך מיט אייער דיסקאונט. די ערשטע קארטל אדער דעווייס וואס איר טאפט אויף אן OMNY מאשין נאך וואס די דיסקאונט גייט אריין אין קראפט וועט ארבעטן מיט OMNY. ביטע נעמט אין אכט אז אלע אנדערע קארטלעך אדער דעווייסעס פארבינדן מיט דעם קארטל נומער וועלן ווערן אפגעהאלטן פון נוצן OMNY. **צום ביישפיל**, אויב איר טאפט אייער פיזישע קרעדיט אדער דעביט קארטל, וועט איר נישט קענען שפעטער טאפן א מאבייל בערזל מיט יענע קארטל. צו טוישן די דיסקאונט, וועט איר זיך דארפן פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף 877-789-6669.

צוריק צום אנפאנג

**36. קען איך נוצן מערערע רייזע קארטלעך אינעם זעלבן צייט?**
ניין. מען קען נאר נוצן איין רייזע קארטל צו קענען נוצן די FF דיסקאונט.

צוריק צום אנפאנג

**37. ווען זאל איך רופן אויב מיין קרעדיט אדער דעביט קארטל ארבעט נישט?**
רופט די קרעדיט קארטל פירמע אדער באנק וואס האט ארויסגעגעבן אייער קרעדיט אדער דעביט קארטל. אויב די קארטל ארבעט איבעראל אבער נישט אויף אן OMNY מאשין, זאלט איר זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס דורך רופן 877-789-6669.

צוריק צום אנפאנג

**38. וועט מיין אינפארמאציע בלייבן פריוואט?**
יא. מיר זענען פארפליכטעט צו האלטן אייער פערזענליכע אינפארמאציע פארזיכערט און באשיצט.

צוריק צום אנפאנג

## פארלירן בארעכטיגקייט

**39. איך האב באקומען א מעלדונג אז מיין איינשרייבונג ענדיגט זיך ווייל איך בין מער נישט בארעכטיגט. איך האלט אז עס איז געווען א גרייז. מיט וועמען קען איך רעדן?**

1. איר קענט פארלירן אייער בארעכטיגקייט אויב איר קומט מער נישט נאך די פראגראם בארעכטיגטקייט פאדערונגען. איר קענט באזוכן nyc.gov/accessfairfares צו זען די סיבה פארוואס איר זענט מער נישט בארעכטיגט.
2. די מעלדונג וואס איר האט באקומען ערקלערט פארוואס איר זענט נישט בארעכטיגט פאר FFNYC און די דאטום ווען אייער דיסקאונט וועט זיך ענדיגן. נאך דעם דאטום, וועלן אלע רייזעס וואס ווערן גענומען מיט אייער FFOC ווערן גערעכנט פאר די פולע רייזע-פרייז.
3. אויב האלט איר אז מיר האבן געמאכט א גרייז, ביטע באזוכט ביי אן אפיס לאקאציע אדער רופט 311 צו בעטן אן איבערזיכט פון אייער אפליקאציע.

צוריק צום אנפאנג

**40. וויפיל צייט האב איך צו בעטן פאר אן איבערזיכט פון מיין בארעכטיגקייט באשטימונג?**
איר מוזט פארלאנגען א איבערזיכט אינערהאלב 14 טעג פון באקומען דעם מעלדונג אז אייער איינשרייבונג וועט זיך ענדיגן. אויב הערן מיר נישט פון אייך, דאן וועט אייער דיסקאונט זיך ענדיגן אויפ'ן דאטום אנגעצייכנט אין אייער מעלדונג.

צוריק צום אנפאנג

**41. וואס פאסירט אויב איך באקום א מעלדונג אז מיין FFNYC דיסקאונט וועט זיך ענדיגן צוליב אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט?**

די ערשטע מאל וואס אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט קומט פאר, וועט אייער FFNYC דיסקאונט ווערן סוספענדירט. אויב האט איר א FFOC OMNY קארטל, וועט עס צוריקגיין צום פולע רייזע-פרייז. איר וועט פארלירן בארעכטיגקייט פאר FFNYC, און איר וועט נישט קענען אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC פאר 60 טעג. איר דארפט זיך ווידער איינגעבן נאך 60 טעג זענען אריבער, און איר דארפט נאכאמאל ווערן געפינען בארעכטיגט צו באקומען די Fair Fares NYC דיסקאונט. די צווייטע מאל וואס אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט קומט פאר, וועט איר ווערן אום-קוואליפיצירט אויף אייביג פון אנטיילנעמען אינעם פראגראם און אייער דיסקאונט וועט זיך ענדיגן. איר קענט רופן 311 אויב איר האט פראגעס.

צוריק צום אנפאנג

## פארלוירענע, גע'גנב'טע אדער געשעדיגטע קארטלעך

**42. וואס זאל איך טון אויב איך באקום א ווארענונג איבער א נידריגע באלאנס?**

א ווארענונג איבער א נידריגע באלאנס פאסירט ווען די באלאנס אויף אייער קארטל האלט אונטער $1.05. איר מוזט צולייגן געלט צו אייער קארטל צו קענען פארן אויף די סאבוועי אדער באס.

צוריק צום אנפאנג

**43. וויפיל מאל קען איך ערזעצן מיין פארלוירענע אדער גע'גנב'טע FFOC?**

FFNYC וועט ערזעצן אייער פארלוירענע, גע'גנב'טע אדער געשעדיגטע FFOC איין מאל אין יעדע איינשרייבונג יאר. אויב איר דערגרייכט דעם באגרעניצונג און איר פארלירט אייער קארטל, קענט איר קויפן אייער אייגענע OMNY קארטל אדער ארויפלייגן די דיסקאונט אויף א קרעדיט אדער דעביט קארטל.

צוריק צום אנפאנג

**44. וואס זאל איך טון אויב מיין FFOC ווערט פארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט?**

לאג'ט אריין צו אייער Fair Fares אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares און קליק אויף "Report FFOC Lost, Stolen or Damaged" (באריכט פארלוירענע, גע'גנב'טע אדער געשעדיגטע FFOC). פאלגט אויס די אנווייזונגען וואס שטייט אויף די סקרין.

איר קענט אויך רופן 311. איינמאל איר שיקט אריין אייער באריכט, קענט איר אויסוועלן עס צו ערזעצן מיט א צווייטע OMNY קארטל אדער א דעביט קארטל אויב איר זענט נאך בארעכטיגט פאר FFNYC.

אויב האט איר ערשט באריכטעט אייער קארטל צו OMNY אין אייער OMNY אקאונט אדער אויפ'ן טעלעפאן, דארפט איר נאכאמאל באריכטן אייער קארטל צו Fair Fares צו באקומען א נייע אדער צו רוקן אייער דיסקאונט צו א נייע קארטל.

צוריק צום אנפאנג

### 45. וואס זאל איך טון אויב איך האב פארלוירן מיין קרעדיט קארטל, דעביט קארטל אדער סעלפאן מיט די דיסקאונט?

אויב איר האט פארלוירן אייער קרעדיט אדער דעביט קארטל, זאלט איר זיך זאפארט פארבינדן מיט אייער קרעדיט קארטל פירמע אדער באנק צו באריכטן אז די קארטל איז געווארן פארלוירן אדער גע'גנב'עט. דאס וועט מאכן אז די קארטל זאל נישט ארבעטן. אויב איר האט פארלוירן אייער סעלאפון, זאלט איר אויספאלגן די פאבריצירער'ס אנווייזונגען אויף וויאזוי צו מאכן די דעווייס זאל מער נישט ארבעטן.

נאך איר נעמט די שריט, זאלט איר אריינ'לאג'ן Access HRA און אויסוועלן "Change your Discount Selection" (טוישן אייער דיסקאונט אויסוואל) צו רוקן אייער דיסקאונט צו א נייע קארטל אדער דעווייס. איר מוזט האבן די נומער פון די נייע קארטל איידער איר טוישט אייער דיסקאונט אויסוואל.

צוריק צום אנפאנג

### 46. וויאזוי פיר איך אריבער מיין געלט פון מיין פארלוירענע, גע'גנב'עטע, געשעדיגטע, אפגעלאפענע אדער אויסלויפנדע OMNY קארטל צו מיין נייע OMNY קארטל?

אויב Fair Fares איז דער וואס ערזעצט אייער OMNY קארטל מיט א נייע OMNY קארטל, דארפט איר יעצט גארנישט טון. אייער באלאנס וועט אויטאמאטיש אריבערגיין פון אייער אלטע קארטל צו אייער נייע קארטל.

אויב איר ערזעצט אייער אלטע OMNY קארטל מיט אן OMNY קארטל וואס איר האט אליינס געקויפט, דארפט איר רופן OMNY קאסטומער סערוויס צו אריבערפירן אייער באלאנס פון אייער אלטע קארטל צו אייער נייע קארטל. איר קענט רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף 877-789-6669. ווען איר רופט, דארפט איר איבערגעבן די אימעיל אדרעס אדער זיפ קאוד וואס איז פארבינדן מיט אייער OMNY אקאונט. אויב האט איר נישט קיין OMNY אקאונט, מוזט איר איבערגעבן די קארטל נומער אדער די טראנזיט אקאונט נומער פון די פארלוירענע, גע'גנב'עטע, געשעדיגטע, אפגעלאפענע אדער אויסלויפנדע OMNY קארטל. איר קענט טרעפן די טראנזיט אקאונט נומער אין אייער Access HRA אקאונט אדער דורך רופן 311.

ביטע נעמט אין אכט אז איר קענט נישט צוריקבאקומען געלט פאר א פארלוירענע אדער גע'גנב'עטע OMNY קארטל. איר קענט נאר אריבערפירן די פארבליבענע באלאנס צו א צווייטע קארטל עס צו ערזעצן.

צוריק צום אנפאנג

## באנייאונגען

### 47. ווי אפט דארף איך באנייען מיין FFNYC איינשרייבונג?

איר דארפט באנייען אייער FFNYC איינשרייבונג איין מאל א יאר. איר דארפט זיין בארעכטיגט פאר די פראגראם אין יענע צייט כדי צו קענען באנייען אייער FFNYC דיסקאונט.

צוריק צום אנפאנג

**48. וויאזוי קען איך באנייען מיין FFNYC איינשרייבונג?**
לאג'ט אריין צו אייער אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares צו באנייען אייער FFNYC איינשרייבונג, נאך וואס איר באקומעט א מעלדונג צו באנייען פון Fair Fares. באנייט עס כאטש 30 טעג איידער די ענדע פון אייער איינשרייבונג כדי צו פארמיידן א לאך אין אייער דיסקאונט.

צוריק צום אנפאנג

**49. וועל איך ווערן געמאלדן ווען איך דארף באנייען?**
יא. מיר וועלן אייך שיקן א בריוו און טעקסט'ן א מעלדונג ווען עס איז צייט פאר אייך צו באנייען. מיר וועלן נוצן די פאסט אדרעס וואס איר האט געגעבן פאר Fair Fares NYC. איר קענט איבערקוקן אייער Fair Fares NYC היים-בלאט סיי ווען פאר אפדעיטס און דעדליינס.

צוריק צום אנפאנג

**50. איז דא א דעדליין פאר באנייען?**
יא. די באנייאונג מעלדונג וועט אנגעבן אייער דעדליין צו באנייען. אויב איר באנייט נישט איידער דעם דעדליין, דארפט איר אריינגעבן א נייע אפליקאציע. קוקט איבער אייער FFNYC אקאונט פאר אינפארמאציע וועגן אייער איינשרייבונג.

צוריק צום אנפאנג

**51. וואס פאסירט אויב איך פארפאס די דעדליין צו באנייען?**
אויב איר פארפאסט אייער באנייאונג דעדליין, וועט איר דארפן אריינגעבן א נייע אפליקאציע. דאס וועט צייטווייליג סוספענדירן אייער דיסקאונט. אינעם צייט וואס אייער אקאונט איז סוספענדירט, וועט מען רעכענען די פולע רייזע-פרייז פון אייך אויב איר פראבירט עס צו נוצן. אייער דיסקאונט וועט זיך צוריק אנפאנגען ווי נאר איר באנייט אדער געבט זיך ווידער איין, און אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט.

צוריק צום אנפאנג

**52. וויאזוי ווייס איך אויב איך בין נאך אלס בארעכטיגט פאר FFNYC?**
באזוכט nyc.gov/nycha צו זען אויב איר זענט בארעכטיגט. איר דארפט נאך אלץ נאכקומען די FFNYC בארעכטיגקייט פאדערונגען צו באנייען אייער FFNYC פראגראם איינשרייבונג.

צוריק צום אנפאנג

**53. וואס איז אויב מיין נייע אדרעס איז נישט אין ניו יארק סיטי?**
בלויז ניו יארק סיטי איינוואוינער זענען בארעכטיגט פאר די Fair Fares NYC פראגראם.

צוריק צום אנפאנג

**54. וועלכע דאקומענטן דארף איך ארייינגעבן מיט מיין באנייאונג אפליקאציע?**
ביטע קוקט איבער די דאקומענט פאדערונגען ליסטע אויף די Fair Fares NYC וועבזייטל.

צוריק צום אנפאנג

**55. וועל איך באקומען א נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל ווען איך באניי?**
איר וועט ווייטער נוצן די FFOC וואס איז געווארן געשיקט צו אייך, אויסער אויב איר האט פארלוירן דעם קארטל אדער אויב אייערקארטל וועט באלד אפלויפן. אייער FFOC וועט זיך האלטן פאר עטליכע יאר.

צוריק צום אנפאנג

**56. וועל איך קענען ווייטער נוצן מיין יעצטיגע FFNYC דיסקאונט איינמאל מיין באנייאונג אפליקאציע ווערט באשטעטיגט?**
יא. איר וועט קענען ווייטער נוצן אייער יעצטיגע FFNYC דיסקאונט ביז אייער איינשרייבונג לויפט אפ. אפילו ווען אייער איינשרייבונג לויפט אפ (דאס מיינט אז איר זענט מער נישט בארעכטיגט פאר דעם פראגראם), קענט איר ווייטער נוצן אייער OMNY קארטל צו צאלן די פולע רייזע-פרייז.

צוריק צום אנפאנג

## אפגעלאפענע קארטלעך

**57. וויאזוי קען איך וויסן ווען מיין FFNYC OMNY קארטל לויפט אפ?**
די אפלויף דאטום איז אויף די אונטערשטע זייט פונעם קארטל.

צוריק צום אנפאנג

**58. וואס פאסירט אויב מיין FFOC לויפט אפ אין ווייניגער ווי 30 טעג?**
וויבאלד אייער FFOC האט א לענגערע אפלויף דאטום ווי די FFMC, וועט אייער FFOC זיך האלטן פאר עטליכע יארן. איר זאלט ווייטער נוצן אייער קארטל ביז עס לויפט אפ. אויב איר זענט נאך אלץ איינגעשריבן אין די פראגראם און אייער יעצטיגע OMNY קארטל וועט באלד אפלויפן, וועט FFNYC אויטאמאטיש ארויסשיקן אין די פאסט א נייע קארטל אומגעפער 30 טעג איידער אייער יעצטיגע קארטל לויפט אפ. ווען איר באקומט אייער ערזעצטע OMNY קארטל, קענט איר אריבערפירן די באלאנס פון אייער אפגעלאפענע קארטל צו אייער נייע FFOC קארטל דורכן זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף 877-789-6669.

צוריק צום אנפאנג

**59. וואס פאסירט אויב מיין דעביט אדער קרעדיט קארטל מיט די דיסקאונט לויפט אפ?**
גארנישט טוישט זיך. די קארטל און אייער דיסקאונט וועט ווייטער ארבעטן מיט OMNY.

צוריק צום אנפאנג

**60. קען איך נוצן אן אפגעלאפענע FFOC ווען עס איז נאך דא געלט אויף דעם?**
ניין. אייער OMNY קארטל וועט נישט ארבעטן נאך די אפלויף דאטום. ווען אייער FFOC לויפט אפ, וועט אייער באלאנס אויטאמאטיש אריבערגיין צו די נייע קארטל וואס איר וועט באקומען אויף פאסט.

צוריק צום אנפאנג

**ביטע רופט 311 אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן די Fair Fares NYC פראגראם. איר קענט אויך באזוכן nyc.gov/fairfares פאר מער אינפארמאציע איבער די Fair Fares ניו יארק סיטי פראגראם.**